ב"ה

# טעראָפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 45

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## פארוואס אן די נייעס בין איך אזוי פרייליך?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*
*איך פלעג זייער ליב האבן צו אהיימברענגען צייטונגען, צו קענען מיטהאלטן די נייעס פון ארץ ישראל, די מלחמה און נאך, פארשטייט זיך נאר כשר'ע צייטונגען אן קיין שלעכטע בילדער, און דאס גלייכן.*

*איך האב אבער לעצטנס געליינט צווי בריוו אין עצתו אמונה פון מענטשן וואס האבן אויפגעהערט צו הערן די נייעס און עס איז זיי געווארן גוט אין לעבן, האב איך באשלאסן אז איך ברענג מער נישט אהיים קיין נייעס. איך ווייס נישט וואס האט פאסירט, אבער איך בין געווארן ממש אויסגעלייזט, איך שפיר זיך זייער רואיג און עס איז מיר אלעס גוט, עס פעלט מיר גארנישט, איך בין פריילעך און איך טאנץ.*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת נשא, י' סיון, שנת תשפ"ה לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר
וואויל איז דיר אז דו ליינסט מער נישט קיין צייטונגען, דו ברענגסט מער נישט אריין אין שטוב קיין צייטונגען וכדומה. וואלטן מענטשן געוואוסט ווי שיין און זיס די לעבן איז אן ליינען נייעס, ווי רואיג די לעבן איז אן די זאכן - וואלט קיינער נישט אריינגעקוקט אין דעם, ווייל די נייעס ברענגט שרעק, די צייטונגען ארבעטן אויף א וועג צו ציען צו זיך ליינער, דורך מאכן פאניק און שרעק, און דאס לאזט נישט לעבן.

איך האב געטראכט דאס איז וואס חכמינו זכרונם לברכה ברענגען (תורת כהנים, ז), רבי יהושע בן קרחה האט דערציילט: "פַּעַם אַחַת הָיִינוּ יוֹשְׁבִים בֵּין הָאִילָנוֹת", איינמאל זענען מיר געזיצן צווישן די ביימער, "וְנָשְׁבָה הָרוּחַ וְהִטִּיחוּ הֶעָלִים זֶה בָּזֶה", אינמיטן האט א ווינט צעבלאזן די ביימער און די בלעטלעך האבן זיך געשאקלט איינע אויפן צווייטן און ארויסגעגעבן א קול, "עָמַדְנוּ וְרַצְנוּ וְאָמַרְנוּ 'אוֹי לָנוּ שֶׁמָּא יַדְבִּיקוּנוּ הַפָּרָשִׁים'", מיר זענען אנטלאפן פון פחד אז מען גייט אונז הרג'ענען, "לְאַחַר זְמַן נִפְנִינוּ אַחֲרֵינוּ, וְרָאִינוּ שֶׁאֵין בְּרִיָּה", נאכדעם האבן מיר געזען אז קיינער יאגט נישט און קיינער לויפט אונז נישט נאך, האבן מיר געוויינט אז עס איז מקוים געווארן ביי אונז דאס וואס שטייט "וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף"; אזא פנים האבן די וואס ליינען צייטונגען, מען ווערט דערשראקן און צעמישט, מען קען נישט שלאפן פון פחד, בשעת קיינער יאגט נישט און קיינער רודפ'ט נישט.

ביי מיר אין שטוב איז ריין פון די זאכן, נישטא קיין שום צייטונג, מאגאזין, נישט פון די פרומע און נישט פון די חסידי'שע און נישט פון די קנאי'שע; די שטוב איז ריין פון די זאכן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## וועל איך שוין קיינמאל נישט האבן קיין זעלבס זיכערקייט?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*
*איך האב געהערט א שמועס פונעם ראש ישיבה שליט"א אז יעדער מענטש איז זיך מייאש אין געוויסע ענינים, לגבי די זאכן האט ער שוין אויפגעגעבן, ער גלויבט אז ער וועט שוין נישט מצליח זיין אין דעם, אבער דער רבי לערנט אונז אז ס'איז נישט דא אזא זאך ווי יאוש.*

*איך האב אריינגעטראכט אין דעם און געזען אז דאס איז לײדער גאר אמת ביי מיר אין לעבן. איך בין אויפגעוואקסן אין א שטוב וואו איך האב קיינמאל נישט געזען קיין רואיגקייט אדער א שמייכל צווישן די עלטערן, איך געדענק נישט אפילו איין מאל אין מיינע יונגע יארן אז די משפחה זאל זיצן און פארברענגען מיט א שמייכל, אפילו נישט איין נאכטמאל.*

*איך בין אויפגעוואקסן צוזעענדיג נאר דאגות, אנגעצויגנקייט, מחלוקת אין שטוב. ביידע פון מיינע עלטערן זענען גאר נעגאטיוו און אלעס זעט אויס שווארץ. ועל כולם דאס צוזעענדיג די קאלטקייט צווישן מיינע עלטערן, און ווי זיי קריגן זיך כסדר, האט מיך איבערגעלאזט אלע יארן מיט א געפיל פון אומזיכערקייט אויף דער וועלט, איך בין אלע מאל פול מיט ספיקות. איך בין שוין נישט קיין יונגער אינגערמאן, און איך קען נישט זיין פריילעך, איך קען נישט שמייכלען, איך פיל אלעמאל אומרואיג און אומזיכער מיט זיך און מיט די וועלט. און נאך מער אז ווען איך זע אנדערע מענטשן שמייכלען אדער פריילעך הייב איך פשוט אן צו פילן נערוועז און אומרואיג, ווייל עס איז שרעקעדיג פאר מיך צו זיין בשמחה, איך פיל זיך גאר אין פרעמד ווען עס איז דא א מצב פון פריילעכקייט ארום מיך.*

*איך האב טאקע איינגעזען אז איך בין אינגאנצן מיואש פון פילן פריילעך און פילן צופרידן און זיין בשמחה, פילן זיכער און רואיג אין לעבן.*

*דער רבי האט דאך אבער געזאגט אז יאוש איז גארנישט פארהאן, איז מיין שאלה ווי אזוי איז טאקע דא א מעגליכקייט איך זאל נאך יא קענען אמאל זיין פריילעך און זיכער מיט זיך?*

*נאך א זאך, איך שפיר ביי מיר אז איך וויל זייער שטארק באקומען אויפמערקזאמקייט פון מענטשן, א גוט ווארט פון א צווייטן, ממש ווי א קליין קינד. איך שעם זיך צו זאגן, אבער ווי עס זעט אויס, אזוי ווי איך האב עס נישט באקומען קיינמאל אלס קינד, דערפאר זוך איך עס יעצט אין די עלטערע יארן. איז דא אן עצה פאר דעם?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת ואתחנן, ו' מנחם-אב, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו. אז דו וועסט נעמען די עצה פון רבי'ן; דו וועסט זיך אביסל מתבודד זיין, דו וועסט זיך אויסרעדן דיין הארץ צום אייבערשטן וועסטו אנהייבן שפירן ליבשאפט און

ווארעמקייט, אזוינס וואס דו האסט קיינמאל אין דיין לעבן נישט געשפירט.

### שפירן א זיסקייט אין לעבן וואס מען האט קיינמאל געשפירט

דאס וואס מען איז זוכה דורך התבודדות איז נישט עפעס וואס מען קען מסביר זיין, מען הייבט אן שפירן אזא זיסקייט אין לעבן וואס מען האט נישט געשפירט און מען וועט קיינמאל נישט שפירן; רעדן צום אייבערשטן ברענגט דעם מענטש צו שפירן מורא'דיג נאנט צום הייליגן באשעפער, דאס פארהיילט אלע וואונדן און היילט אלע שניטן. אפילו א מענטש זאל דורך גיין גאר ביטערע שוועריקייטן, אויב נעמט ער די עצה פון התבודדות, ער הייבט אן רעדן צום אייבערשטן - ווערט אים פלוצלינג אזוי ליכטיג און אלע וואונדן היילן זיך אויס.

### דו ווערסט ווערן זיכער ביי דיר

דעריבער אז דו האסט געהאט אזא שווערע יוגנט, דו האסט צוגעזען ווי דיינע עלטערן קריגן זיך און דאס האט דיר איבערגעלאזט אין א וועלט פון ספיקות, אין א וועלט פון אומזיכערקייט - זאלסטו נעמען די עצה פון רבי'ן, זאלסט זיך קובע זיין יעדן טאג א צייט זיך אויסצורעדן דאס הארץ צום אייבערשטן, דורכדעם וועסטו ווערן זיכער ביי זיך, דו וועסט ווערן אויפגעבויט.

**וואלטן מענטשן געוואוסט ווי שיין און זיס די לעבן איז אן ליינען נייעס, ווי רואיג די לעבן איז אן די זאכן - וואלט קיינער נישט אריינגעקוקט אין דעם, ווייל די נייעס ברענגט שרעק, די צייטונגען ארבעטן אויף א וועג צו ציען צו זיך ליינער, דורך מאכן פאניק און שרעק, און דאס לאזט נישט לעבן.**

### בעט דעם אייבערשטן ער זאל דיר גלעטן.

בנוגע דאס וואס דו ווילסט אביסל ווארעמקייט, אביסל ליבשאפט און דו שעמסט זיך, דו מיינסט אז דאס איז א קינדערישע זאך; בעט עס פונעם אייבערשטן, בעט דעם אייבערשטן ער זאל דיר געבן אביסל ליבשאפט, ער זאל דיר געבן ווארעמקייט, ער זאל דיר גלעטן. ווען מען איז זוכה צו שפירן איבסל נאנטקייט צום אייבערשטן - דאס איז די בעסטע ליבשאפט.

### זאג מיר אייבערשטער אז דו האסט מיר ליב

מוהרא"ש דערציילט אז מען פלעגט הערן ברסלב'ער חסידים זאגן תהילים מיט א געשמאק, זיי פלעגן רעדן צום אייבערשטן אויסגעמישט מיט די פסוקי תהילים; איינמאל האט מען געהערט רבי נתן'ס אן אייניקל רבי מיכל'ע, ווי ער זאגט תהלים (קאפיטל לה, א): "לְדָוִד רִיבָה ה' אֶת יְרִיבַי", האט מען געהערט ווי ער רעדט צום אייבערשטן: "רבונו של עולם קריג זיך פאר מיר, נעם זיך אן פאר מיר, 'אֱמֹר לְנַפְשִׁי יְשֻׁעָתֵךְ אָנִי', זאג מיר אייבערשטער אז דו האסט מיר ליב, איך בין אזוי צעבראכן, איך דארף אביסל ווארעמקייט, אביסעלע ליבשאפט פון דיר".

דער רבי האט געזאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן עח): **"קיין יאוש איז נישט פארהאנען"**; דאס איז נישט סתם געזאגט, 'עס איז נישטא קיין יאוש'; אויב מען טוט די עצות פון רבי'ן איז מען זוכה ארויסצוגיין פון אלע טונקלקייטן און פון אלע ביטערניש.

וואויל איז דעם וואס פאלגט דעם רבי'ן, וועט ער שפירן אויף די וועלט וואס צדיקים שפירן אין גן עדן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## ווי אזוי קען איך וויסן אויב די זאך וואס איך בעט, איז גוט פאר מיר?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*א גרויסן יישר כח פאר אלע חיזוק, ס'געבט מיר גאר אסאך צו אין לעבן, פאר מיר און פאר די גאנצע וועלט.*

*איך האב געוואלט פרעגן, אויב בעט איך עפעס דעם אייבערשטן, ווי אזוי קען איך וויסן אויב ס'איז גוט פאר מיר אדער נישט, אפשר בעט איך א זאך וואס דער אייבערשטער וויל נישט איך זאל עס האבן?*

*למשל אויב בעט איך דעם אייבערשטן אז איך דארף א סמארטפאון, אפשר וויל נישט דער אייבערשטער איך זאל עס האבן. און אפילו אויב בעט איך יא א גוטע זאך, אפשר ווייסט דער אייבערשטער אז די זאך איז נישט גוט פאר מיר. ווי אזוי קען מען וויסן די זאכן?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת נצבים, כ"א אלול, שנת תשפ"א לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א', סימן רט): "כִּי יָדוּעַ שֶׁיֵּשׁ לְכָל אָדָם תְּפִלּוֹת רָעוֹת", יעדער מענטש האט נישט גוטע תפילות וואס ער בעט, אזוי ווי מיר געפונען, די הייליגע חכמים זאגן (ברכות סג.): "גַּנָּבָא עַל מַחְתַּרְתָּא רַחֲמָנָא קַרְיָא", דער גנב איידער ער ברעכט זיך אריין בעט ער א שטילע תפילה פונעם אייבערשטן, הייליגער באשעפער, העלף מיר די גניבה זאל זיך גוט אויסארבעטן, קיינער זאל מיך נישט כאפן, "נִמְצָא אַחַר כָּךְ כְּשֶׁעוֹמֵד לְהִתְפַּלֵּל תְּפִלָּה הָרָאוּי לְהִתְפַּלֵּל, אֲזַי בָּא הַתְּפִלָּה רָעָה וּמְבַלְבֶּלֶת אוֹתוֹ", ווען דער מענטש וויל דאווענען צום אייבערשטן, ער וויל בעטן אויף גוטע זאכן, קומען די נישט גוטע תפילות און שטערן דעם מענטש, "וְהַתִּקּוּן לָזֶה, הַכְנָסַת אוֹרֵחַ תַּלְמִיד חָכָם", די עצה אויף דעם איז אריינצונעמען תלמידי חכמים ביי זיך אין שטוב, אז מען נעמט אריין אין שטוב תלמידי חכמים דעמאלט פאררעכט מען אלעס, ווייל דער צדיק לערנט אויס וואס צו בעטן און וויאזוי צו בעטן, דער צדיק לערנט אויס וואס איז גוט, וואס איז וויכטיג.

דער עיקר זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן דו זאלסט זוכה זיין צו א ריינע אמונה און צו לערנען און דאווענען, זיין דבוק צו די הייליגע תורה און צו ערליכע אידן, דו זאלסט זיין פרייליך; אז מען האט דאס האט מען אלעס.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר.

**ווי אזוי קען מען זיך אפגעוואוינען פון אזויפיל טראכטן פון געלט?**
**ווי אזוי שטארקט מען זיך אויפצושטיין צייטליך?**
**ווי אזוי ווערט מען פטור פון כסדר'דיגע שרעק?**

*קוקט ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!*

צו באקומען די גליון וועכנטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**